**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/3/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער HOCHUL (האקול) מעלדט געהאלט העכערונגען פאר ענדשענירען און פארבינדענע לייסענסד פאזיציעס איבער ניו יארק סטעיט גאווערמערנט אויפצונעמען און אנצוהאלטן איינגעשטעלטע**

***געהאלט העכערונגען בענעפיטירט ארום 2,600 סטעיט איינגעשטעלטע איבער 18 סטעיט אגענטורען און די טרוועי' אויטאריטעט***

***טייל פון די גאווערנער'ס אלגעמיינע פארפליכטונג צו אינוועסטירן אין פובליק ארבעטקראפט פארווארענטלעך פאר וויטאלע אינפראסטרוקטור וועלכע ניו יארקער נוצן יעדן טאג***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן א סעריע געהאלט העכערונגען פאר פראפעסיאנאלע ענדשענירען, ארכיטעקטען, ערד סורוועיאר, לאנדשאפט ארכיטעקטן און געאלאגיסטן אינערהאלב ניו יארק סטעיט אגענטורן וועלכע זענען פארפלליכטעט צו בויען, אנהאלטן און פארשטערקערן וויטאלע אינפראסטרוקטור גענוצט טעגליך דורך ניו יארקער דורכאויס די עמפייר סטעיט. צו העלפן פארבעסערן אויפנעמען און אנהאלטן אינערבאלב די סטעיט'ס ארבעטקראפט, ארום 2,600 איינגעשטעלטע איבער 18 סטעיט אגענטורן וועלן באקומען געהאלט העכערונגען צווישן $7,000 און $13,500 געוואנדען אויף זייער פאזיציע און געאגראפישע לאקאציע.

"ניו יארקער פארלאזן זיך אויף די פעיגקייטן און עקספערטיז פון ענדשענירן צו בויען גאסן און בריקן, אויפבויען גרויסע שטאפל געביידעס און פארמיידן אומגליקן פון פאסירן," **גאווערנער Hochul (האקול) האט געזאגט.** "ענדשענירען און די לייסענסד פאזיציעס וועלכע שטיצן עס זענען טייל פון די מערסט קאנקורירענדע דשאבס אין די וועלט, און נאך גרונטליכע שטודיע פון די דשאב מארקעט, עס איז קלאר אז די סטעיט גאווערמענט דארף טוהן מער צו צוציען א וועלט קלאס טאלאנט זאפאס צו ניו יארק'ס פאבליק סעקטאר. די אינוועסטירונג אין די געאגראפישע באצאלונג אינטערשידן איז א קלוגע אינוועסטירונג אין די צוקונפט פון די עמפייר סטעיט."

די געהאלט העכערונגען, וועלכע זענען עפעקטיוו דעצעמבער 5, זענען טייל פון גאווערנער Hochul'ס (האקול) היסטארישע און אנגייענדע פארפליכטונג צו די סטעיט'ס פובליק ארבעטקראפט ווען שטיצענדיג איר אדמיניסטראציע'ס עפארטן צו ווידערבויען, אנהאלטן, פארשטערקערן, און ווידערפארשטעלן אינפראסטרוקטור גענוצט דורך ניו יארקער און באזוכער צו די סטעיט. זיי וועלן אויך שטיצן עקאנאמישע אנטוויקלונג עפארטן און פארבעסערן שטאנדהאפטיגקייט ווען אויסגעשטעלט צו קלימאט טויש און עקסטרעמע וועטער.

די געהאלט העכערונג איז ערווארטעט צו האבן די גרעסטע ווירקונג ביי די פאלגענדע אגענטורן, וועלכע האבן יעצט די גרעסטע צאל פון בארעכטיגטע איינגעשטעלטע:

- טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation)- 1,620 איינגעשטעלטע
- דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation)- 542 איינגעשטעלטע
- אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג ( Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) - 70 איינגעשטעלטע
- העלט דעפארטמענט(Department of Health) - 60 איינגעשטעלטע
- אפיס פון אלגעמיינע אנלעגענהייטן (Office of General Services) - 57 איינגעשטעלטע

אין צוגאב צו די איבנדערמאנטע אגענטורן, די ניו יארק סטעיט טרוועי אויטאריטעט טוט איינפירן א געהאלט אונטערשיד צו פארבעסערן אויפנעמען און אנהאלטן איינגעשטעלטע וועלכע זוכן אנצוהייבן אדער ווייטערגיין מיט א קאריערער מיט די טרוועי אויטאריטעט. די פארשלאג איז איינשטימיג באשטעטיגט געווארן דורך די ניו יארק סטעיט טרוועי אויטאריטעט בארד פון דירעקטארן פריער היינט און ווערט עפעקטיוו אין אנהייב 2025. די שריט בויט אויף א געאגראפישע געהאלט אונטערשיד אמאל איינגעפירט דורך סיי די סטעיט פון ניו יארק און די טרוועי אויטאריטעט פאר איינגעשטעלטע אין הייוועי אנהאלטונג טיטלן.

ניו יארק סטעיט האדוועט אן ענוויראמענט וועלכע מוטיגט און שטיצט די פראפעסיאנאלע וואוקס און קאריערער געלעגענהייטן פאר ענדשענירן, און באשעפטיגט טויזנטער ענדשענירן און פארבינדענע פראפעסיאנאלען איבער די סטעיט. מערסטענס פון די פאזיציעס זענען אין די פראפעסיאנאלע טעכנישע און סייענטיפישע איינהייט (Professional Technical & Scientific Unit), וועלכע ווערט פארגעשטעלט דורך די פובליק איינגעשטעלטע פעדעראציע (Public Employees Federation (PEF)). טרוועי אויטאריטעט טיטלן וועלכע ווערן געווירקט זענען מערסטענס פארגעשטעלט דורך די טיעמסטערס לאקאלע 456 (Teamsters Local 456) און CSEA Local 058.

**ניו יארק סטעיט דיפארטמענט פון ציווילע סערוויס ( Department of Civil Service) קאמיסיאנער און ציווילע סערוויס קאמיסיע פרעזידענט Timothy R. Hogues (טימאטי ר. האגוס) האט געזאגט,** "מיט די העכערונגען און אונטער גאווערנער Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, די עמפייר סטעיט טוט שטיצן איר עפארטן צו צוציען און אנהאלטן די פעיגקייטן און טאלאנטען פון די פראפעסיאנאלען וועלכע פארבעסערן און טוהן אנהאלטן די געבויטע און נאטורליכע ענוויראמענטן וועלכע מאכן ניו יארק סטעיט א ספּיציעלע פלאץ צו וואוינען, ארבעטן און באזוכן."

**ניו יארק סטעיט דעפארטעמעט פון טראנספארטאציע קאמיסיאנער Marie Therese Dominguez (מארי טערעסא דאמינגעז) האט געזאגט,** "ביי NYSDOT, די מענטשן זענען אונזער געהיימע סאוס. ניו יארקער פארלאזן זיך אויף די פעיגקייטן און עקספערטיז פון אונזער ענדשענירן, ארכיטעקטן, לאנד סורוועיארס, לאנדשאפט ארכיטעקטן און געלאגיסטן און פילע אנדערע טאלאנטפולע פראפעסיאנאלען צו בויען גאסן און בריקן, אויפבויען ערפּארטס און באן סטאנציעס, און העלפן פארמיידן אומגליקן פון פאסירן. וואס איז פארוואס, נאך פארזיכטיגע שטודיע און אנאליז די סטעיט האט אנערקענט די נויט צו גיין העכער און ווייטער אנצוהאלטן די פראפעסיאנאלען און צוציען א וועלט קלאס טאלאנט זאפאס צו אונזער סטעיט ראנקן. איך דאנק גאווערנער Hochul (האקול), וועלכע אנערקענט און שעצט פובליק סערוויס, און ווייסט אז די אינוועסטירונג אין אונזער מענטשן איז א קלוגע אינוועסטירונג אין יד צוקונפט פון אלע סטעיט אגענטורן און אין NYSDOT'ס מעגליכקייט צו ווייטער צושטעלן א זיכערע און פארלעסליכע טראנספארטאציע נעטווארק פאר צענדליגע יארן צו קומען."

**טרוועי אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר Frank G. Hoare (פרענק ג. הועיר) האט געזאגט,** "אונזערע איינגעשטעלטע זענען אונזער מערסט געשעצטע רעסארס און שטעלן פאר די רוקן ביין פון די טרוועי אויטאריטעט. די צופאסונגען וועלן ווייטער פירן אונזער אינוועסטירונגען אין אונזער טיעם

מעמבערס וועלכע זענען קריטיש צו די אנהאלטונג און אפעראציעס פון די טרוועי, און וועט אונז ערלויבן צו קאנקורירענדיג אויפנעמען און אנהאלטן קוואליפיצירטע קאנדידאטן פאר יארן צו קומען. די איניציאטיוו וואלט נישט געווען מעגליך אן די אומבויגזאמע שטיצע פון גאווערנער Hochul (האקול) און די איבערגעגעבענע פירערשאפט פון די טיעמסטערס לאקאל 456 און CSEA 058 וועלכע רעפריזענטירט 89 פראצענט פון אונזער ארבעטקראפט. עס קומט זיך פאר די שווער-ארבעטענדע פובליק באדינער ביי די טרוועי אויטאריטעט די פארגיטיגונג און איך דאנק זיי פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו פארזיכערן די טרוועי בלייבט איינס פון די זיכערסטע און מערסט פארלעסליכע הייוועיס אין די פאלק."

**ניו יארק סטעיט פארקס קאמיסיאנער פרא טעם Randy Simons (רענדי סימאנס) האט געזאגט,** "ענדנירן, ארכיטעקטן און פארבינדענע פאזיציעס זענען די נישט באזינגענע העלדן פון די ניו יארק סטעיט פארק סיסטעם. זיי זענען קריטיש צו פארזיכערן די אומגלויבליכע פארשידענארטיגע אויסוויל פון אינפראסטרוקטור - אריינגערעכנט באסיינען, בריקן, דעמס, טרינקען וואסער סיסטעמען, היסטארישע געביידעס, שיף לאנטשעס און מער - איז אין פלאץ צו זיכערהייט באגריסן 84 מיליאן באזוכער יעדעס יאר. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער Hochul (האקול), קאמיסיאנער האגוס און די דיפארטמענט פון ציווילע סערוויס פאר די מאסנאם אונז צו העלפן אוינעמען און אנהאלטן די שטארק פעיגער פראפעסיאנאלען."

**ניו יארק דיפארמענט פון ענוויראמענטאלע אפהיטונג צייטווייליגע קאמיסיאנער Sean Mahar (סיען מאהאר) האט געזאגט,** "DEC'ס טאלאטפולע טיעם פון ענדענירען און אנדערע לייסענסד עקספערטן ארבעטן יעדען טאג, באשיצענדיג ניו יארק'ס נאטורליכע רעסארסן און ווילדלייפף, אויפרייניגען פארפעסטיגונג און צוריקשטעלן די עקאנאמישע פאטענציאל פון געגענטער לענגאויס די סטעיט. א דאנק גאווערנער Hochul (האקול) און די דיפארטמענט פון ציווילע סערוויס, די נייע געהאלט העכערונג וועט זיין בייהילפיג אין העלפן DEC ווייטער צוציען און אנהאלטן קוואליפיצירטע לייסענסד פראפעסיאנאלען וועלכע זענען בייהילפיג אין עררייכן אונזער ענוויראמענטאלע צילן פאר די בענעפיטן פון אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סטיעט אפיס פון אלגעמיינע סערוויס קאמיסיאנער Jeanette Moy (דשענעטע מוי) האט געזאגט,** "די געהאלט העכערונגען קאמבינירט מיט די NY HELPS איניציאטיוו געפירט דורך גאווערנער Hochul'ס (האקול) אדמיניסטראציע העלפן סטעיט אגענטורן ווייטער אינוועסטירן אין זייער איינגעשטעלטע ווען צוציענדיג נייע טאלאנט. ביי OGS, אונזער מענטשן זענען אונזער זוילען, און זיי ארבעטן איבערמידליך צו זיכערמאכן אז אלעס אונז טוהן, פון שטיצן עמערדשענסי אנטווארט לענגאויס די סטעיט צו פארזיכערן סטעיט אינפראסטרוקטור איז שטאנדהאפטיג צו דיווירקונגען פון קלימאט טויש, ווערט געטוהן פרא אקטיוו, עפעקטיוו און דורכגעטראכט. די איניציאטיוו וועט צושטעלן א גרויסע שטופ צו OGS'ס ארבעטקראפט אויפנעמונג און אנהאלטונג עפארטן אין א צייט ווען אונז גיין אדורך קאמפלעצירטע שוועריגקייטן צוזאמען מיט א פארמערענדיגע צאל פון אומפרעצענדירטע, וועטער-פארבינדענע עמערדשענסיס וועלכע אפעקטירן די וויטאלע קינפראסטרוקטור וועלכע ניו יארקער פארלאזן זיך אויף יעדן טאג."

**ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמיסיאנער James McDonald (דשעימס מעקדאנעלד) האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul'ס (האקול) פארפליכטונג צו אנגייענדע אינוועסטירונגען אין ניו יארק'ס ארבעטקראפט איז אן אינוועסטירונג אין אלגעמיינע קוואליטעט פון לעבן פאר מענטשן וועלכע ארבעטן, וואוינען און האדעווען זייער פאמיליעס אין ניו יארק סטעיט. די געהאלט העכערונגען זענען נאך א מאסנאם צו פארבעסערן די געזעלשאפט אוועקשטעלונג פון געזונטהייט וועלכע זענען דירעקט פארבינדען צו געזונטהייט אויסקומען. איך דאנק די דגאווערנער פאר איר פירערשאפט אין האדעוווען שטערקערע, מער געזונטע געמיינדעס איבער די סטעיט."

**PEF פרעזידענט Wayne Spence (וועין ספענס) האט געזאגט,** "אונז קאמענדירן גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פארפליכטונג צו אינוועסטירן אין די סטעיט ארבעטקראפט אויפצונעמען און אנהאלטן שפיץ טאלאנט. די טויזנטער PEF מעמבערס עפעקטירט דורך די געהאלט העכערונגען זענען שטארק פעיאיג פובליק באדינער וועלכע שפילן קריטישע ראלעס באשיצן און אנהאלטן ניו יארק'ס וויטאלע אינפראסטרוקטור. אנבאטען פארגיטיגונג אייניג צו די פריוואטע סעקטאר איז א פאזיטיווע שריט צו צוציען טאלאנטפולע פראפעסיאנאלען צו סטעיט באשעפטיגונג."

**טיעמסטערס לאקאלע 456 פרעזידענט פון אינטערנאציאנאלע ברודער Louis A. Picani (לוי א. פיקאני) האט געזאגט,** "טיעמסטערס לאקאלע 456 מעמבערס זענען איבערגעגעבענע פובליק באדינער פון די טרוועי אויטאריטעט וועלכע ווידמען זייער קאריערער צו באדינען די רייזענדע פובליק און פארזיכערן די זיכערהייט פון הונדערטע מיליאנע דרייווער יעדעס יאר. די באשטעטיגטע אונטערשיד וועט שטארק ווירקן אויף די לעבנס פון די פראפעסיאנאלען און וועט אויך פארבעסערן די אויפנעמען און אנהאלטען פון פעיגער טאלאנט, העלפענדיג די טרוועי אויטאריטעט ליפערן אויף איר מיסיע פון זיכערהייט, סערוויס און פארלעסליכקייט. איך וויל דאנקען גאווערנער Hochul (האקול) און איר אדמיניסטראציע, אזוי אויך טרוועי אויטאריטעט עקזעקעטיוו דירעקטאר פרענק הויער און די אויטאריטעט'ס בארד פון דירעקטארן פארן אנערקענען די שטארקע ווירקונג אונזער פובליק באדינער מאכן יעדען טאג."

**NYSTA CSEA לאקאלע 058 פרעזידענט Sean Kennedy (סיען קענעדי) האט געזאגט,** "CSEA אפלאודירט די טרוועי אויטאריטעט'ס אנגייענדע אינוועסטירונג אין איר וויכטיגסטע רעסאָרס: די הונדערטע איבערגעגעבענע פובליק סעקטאר איינגעשטעלטע וועלכע האלטן אינטער די טרוועי אויטאריטעט. CSEA קוקט ארויס צו מיטארבעטען מיט גאווערנער Hochul (האקול), עקזעקעטיווע דירעקטאר הויער און די אויטאריטעט'ס בארד פון דירעקטארן צו פארזיכערן אז די טרוועי קען ווייטער דינען אלץ פרעמיער סופער הייוועי."

די געהאלט העכערונגען זענען נאר איינס פון די פילע איניציאטיוון וואס גאווארנער Hochul (האקול) האט געפירט זייט איר נעמען די אפיס צו פארשטערקערן און שטיצן ניו יארק'ס פאבליק ארבעטקראפט.

פריער דאס יאר איז די דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס ארויסגעקומען מיט אן אויסגעברייטערטן 'ניו יארק - רעקרוטירן פאר באגרעניצטע עמערדזשענסי פאסטנס אריבער די סטעיט' ( New York Hiring for Emergency Limited Placement Statewide, NY HELPS) פראגראם צו ארויסהעלפן סטעיט און לאקאלע אגענטורן צו גרינגער אנפילן ליידיגע פאסטנס וועלכע זענען אפן פאר די פובליקום. דער NY HELPS פראגראם נעמט צייטווייליג אוועק די פאדערונגען צו אריבערגיין די ציווילע סערוויס פאהרער צו קענען באקומען טויזנטע פון די ליידיגע סטעיט רעגירונג דזשאבס וועלכע זענען אפן פאר די אלגעמיינע פובליקום. פאר די רעשט פון די פאסטנס פאר וועלכע עס פאדערט זיך נאכאלץ פאהרערן, זענען אלע סטעיט פאהרער אפליקאציע באצאלונגען אוועקגענומען געווארן ביז דעצעמבער פון 2025, נאכפאלגנדיג אן אפמאך וואס גאווערנער Hochul (האקול) האט פארזיכערט אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024.

זייט אקטאבער 31, מער פון 19,800 עפוינטמענטס זענען געמאכט געווארן דורך סטעיט אגענטורן דורך די NY HELPS פראגראם.

די דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס איז אויך אריין אין א שותפות מיט די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט צו אוועקשטעלן 'צענטערן פאר קאריערעס אין רעגירונג' אינערהאלב ספעציפישע לעיבאר דעפארטמענט קאריערע צענטערן. ביי די געמיינזאמע-אגענטור צענטערן, לאקירט דורכאויס די ניו יארק סטעיט, פראפעסיאנאלע איינגעשטעלטע פון ביידע אגענטורן ארבעטן צוזאמען צוצושטעלן פולשטענדיגע

שטיצע צו העלפן ארבעטזוכער אין זייער ארבעט זוכונגען דורך זיי העלפן לערנען איבער די סטעיט'ס ציווילע דינסט זכות און ארבעט קלאסיפיקאציע סיסטעמען, ווי אויך די NY HELPS פראגראם, פארגריגערינדיג די וועג פאר די אינטערסירט אין א לוינענדע קאריערער אין פובליק סערוויס ווען באוואקסענדיג און פארשטערקערן די סטעיט'ס עקאנאמיע.

צו מוטיגן די טויזנטער אפענע פאסטנס און די גאמע פון קאריערע געלעגנהייטן ערמעגליכט פאר אלע, האט דער אפטיילונג פון ציווילע סערוויס געלאזט לויפן א פארצווייגטע מארקעטינג און פאבליק וואכזאמקייט קאמפיין די יאר. דער קאמפיין איז געצייגט געווארן אויף דיגיטאלע און ארויס-פון-שטוב טשאננעלס אין ענגליש און ספאניש און באווייזט די ווירדיגקייט פון פובליק סערוויס, און די בענעפיטן פון פארשידענע געלעגנהייטן צו באקומען אין סטעיט גאווערנמענט.

גאווארנער Hochul (האקול) האט אויך גענומען נאך שריט צו שטיצן און פארשטערקערן די סטעיט ארבעטקראפט, אזוויי דערהייבן די יארן-לאנגע סטעיט איינשטעלונג פארפרירונג, פארברייטערנדיג געלעגנהייטן דורך די גאווארנער'ס פראגראם צו איפנעמען אינדיווידועלן און וועטעראנען מיט אינוואלידקייטן (b/c/55), און צושטעלן פינאנצירונג פאר נייע טעסטינג צענטערן דורכאויס די סטעיט.

צו לערנען מער וועגן ארבעטן פארן סטעיט פון ניו יארק און וויאזוי צו נעמען די נעקסטע שריט פאר א באלוינענדע קאריערע אין פובליק סערוויס, ביטע באזוכט די דעפארטמענט אוו ציווילע סערוויס וועבזייטל און פאלגט נאך דעם דעפארטמענט אויף פעיסבוק, אינסטעגרעם, X, און לינקדין.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן